Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

דנאלגנע ןיא ןדיא יד .13 לטיפאק.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

קאפיטל 13.

# די אידן אין ענגלאנד. Anglia

מיר האבן ביז אהער אלץ גערעדט וועגן לענדער, וואו דער אידישער ישוב ציילט א סך הונדערטער יארן, וואו די איינגעפונדעוועקייט און איינגעזעסנקייט פון אידישע מאסן ווייזן ארויס זייער איינפלוס אויף אלע זייטן פון אידישן לעבן און אין דעם כלל אויך אויף דער געאגראפישער איינטיילונג פון די אידן, אויף זייער באוועגליכקייט און אויפן טעמפּ פון דער קאנצענטראציע. מיר גייען איצט איבער צו ענגלאנד, צום ערשטן לאנד, וואו דער אידישער ישוב, זיין גרעסטער טייל, איז נאך גאר א יונגער, ציילט סך־הכל עטליכע צענדליג יאר און געפינט זיך נאך עד היום אין שטענדיגער אפהענגיגקייט פון די עמיגראציע־כוואליעס, וואס אָט הויבן זיי זיך שטארק אויף און אָט פאלן זיי. אין דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין ענגלאנד, ווי אויך אינם כאראקטער פון איר קאנצענטראציע אין גרויסע שטעט און אין גרויסע קהלות, וועלן מיר שוין געפינען די אלע סמנים, וועלכע ווייזן זיך באזונדער בולט ארויס אינם אידישן ישוב אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

אין ענגלאנד איז צום אנהויב פון 19־טן יארהונדערט געווען סך־הכל קרוב צו אכט טויזנט אידישע נפשות. א אידישע עמיגראציע קיין ענגלאנד האט זיך אנגעהויבן נאך ארום די 50־ער יארן פון פאריגן יארהונדערט, ווארום לויט די דאטן פון 1871־טן יאר איז שוין געווען אין ענגלאנד עמיגראנטן פון רוסלאנד און פוילן צען טויזנט נפשות. די גרעסטע מערהייט פון די דאזיגע עמיגראנטן איז באשטאנען פון אידן. צום אנהויב פון די אכטציגער יארן איז געווען אין ענגלאנד ביי 60 טויזנט אידן. אין 1911־טן יאר איז שוין געווען אין ענגלאנד 239 596 אידן. פאר הונדערט יאר איז די אידישע באפעלקערונג אויסגעוואקסן 42 מאל. פאר די לעצטע דרייסיג יאר האט זיך די צאל אידן אין ענגלאנד פארגרעסערט פיר מאל.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס גאר א נישטיגן פראצענט — סך־הכל 0,58 פראצענט. דער גרעסטער רוב אבער פון די ענגלישע אידן וואוינט אין א קליינער צאל שטעט, און אין די דאזיגע שטעט מאכן די אידן אויס א גרעסערן פראצענט, הגם אויך אין ערגיץ ניט קיין זעהר באדייטנדיגן.
טיילן מיר איין די אידישע קהלות פון ענגלאנד לויט די טיפּן, ווי מיר

האבן דאס געטאן בנוגע צו אנדערע לענדער, וועלן מיר באקומען פאלגנדיגע טאבעלע.

טאבעלע XLVII

## די ענגלישע אידן אין פארשיידענע טיפן קהלות (1908).

| קהלות | די צאל קהלות | אבסאלוטע צאל אידן | פראצענט פון אלע ענגלישע אידן |
|---|---|---|---|
| מיט מער פון 10 טויזנט אידן | 3 | 180 000 | 81,8 |
| פון 5 ביז 10 טויזנט אידן | 2 | 14 500 | 6,6 |
| פון טויזנט ביז 5 טויזנט אידן | 7 | 14 625 | 6,7 |
| **ס"ה אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן** | **12** | **209 125** | **95,1** |

מער פון פיר פינפטל פון אלע ענגלישע אידן וואוינען אין דריי קהלות, וואס פארמאגן יעדע מער פון צען טויזנט אידישע נפשות. אין דער איינער שטאט לאנדאן האט געוואוינט אין 1908־טן יאר 142 000 אידן, וואס ס׳האט אויסגעמאכט 64,5 פראצענט פון אלע דעמאלטיגע ענגלישע אידן. נאך לאנדאן גייט מאנשעסטער מיט 23 000 אידן (1908) און לידס מיט 15 000 אידן אין דעם זעלבן יאר. אין גלאזגא זיינען געווען 7 500 און אין ליווערפול — 7 000 אידן אין 1908־טן יאר.

לנבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט (1908):

1908

1. אין לאנדאן 3,0 %
2. „ מאנשעסטער 3,6 „
3. „ לידס 3,2 „
4. „ גלאזגא 0,9 „
5. „ ליווערפול 0,9 „

### פראגעס.

1. מיט וואס שיידט זיך אפ דער אידישער ישוב אין ענגלאנד פון אלע איבעריגע אידישע ישובים, וואס מיר האבן באטראכט ביז אהער?

2. וויפיל זיינען געווען אידן אין ענגלאנד: אין אנהויב פון 19־טן יאר־הונדערט? צום אנהויב פון די אכטציגער יארן? אין 1911־טן?

3. וואסער א טייל פון די ענגלישע אידן וואוינט: אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות? אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידישע נפשות?

4. וויפיל זיינען געווען אידן אין 1908־טן יאר אין לאָנדאָן? אין מאנ־שעסטער? אין לידס?

5. וואסער א פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט: אין לאנדאן? אין מאנשעסטער? אין לידס?